**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 7/22/2024 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול מעלדט $15 מיליאן צו פאנדן זעלבסטמארד פארמיידונג סערוויסעס פאר יוגענט אינטער ריזיקע**

**געלטער צו אנטוויקלן סערוויסעס פאר היספאנישע/לאטינעקס, שווארץ/אפריקאנער אמעריקאנער, אזיאן אמעריקאנער/פעסיפיק איילענדער, אמעריקאנער אינדיאנער/אלאסקען נאטיוו און LGBTQ+ יוגענט**

**פארמיידונג עפארטן פאקוסירט אויף אייגענארטיגע קולטורישע פאקטארן וואס לייגט היסטאריש אינטערגעדינגטע, ראסישע און עטנישע גרופעס ביי געהעכערטע ריזיקע**

גאווערנער קעטי האקול האט היינט געמאלדן פינעף קאנישענעל עווארדס צאלענדיג 15 מיליאן דאלאר איבער פינעף יאר צו העלפן געמיינדע-באזירטע סערוויס פראוויידערס צו אנטוויקלן אינאוואטיווע פראגראמען וועלכע וועלן העלפן פארמינערן זעלבסטמארד ריזיקע צווישען יוגענט פון היסטאריש אינטערגעדינטע געמיינדעס. אדמיניסטרירט דורך די אפיס פון גייסטישע געזונטהייט, די סטעיט פאנדינג דורך די פארבינדען יוגענט צו גייסטישע הילף שטיצע פראגראמען וועט העלפן אנטוויקלן פראגראמען און זעלבסטמארד פארמיידונג סטראטעגיעס צווישען ראסע און עטניש מינאריטעט פאפולאציעס און LGBTQ+ גרופעס, אריינגערעכנט די אין דארפישע געגענטער.

"טראץ דעם וואס ניו יארק'ס זעלבסטמארד פארמיידען עפארטן זענען פאלק-פירענד, אונז האבן געזעהן אלאמירענדע טרענדס זיך אנטוויקלן צווישען יוגענט און יונגע ערוואקסענע זייט די אנהייב פון די קאוויד-19 פאנאדעמיע פאר פיר יאר צוריק," **גאווערנער האקול האט געזאגט.** "די עווארדס וועלן העלפן אנטוויקלן אינאוואטיווע און קולטוריש פאסיגע פראגראמען צו דינען די גייסטישע געזונטהייט באגערפענישן פון די יונגע ניו יארקער - ספיציעל די וואס זענען אין די צענטער פון די טראגישע טרענדס."

די עווארדס וועלן אנטוויקלן געמיינדע-באזירטע, באהאנדלונג-דערנעבן גייסטישע געזונטהייט סערוויסעס, געצילט צו בויען א געפיל פון זיכערהייט און פארבינדענקייט צו אינטער ריזיקע פאפולאציעס און צו אוועקשטעלן צוזאמארבעט צו העלפן די אינדיווידואלן באקומען הילף ווען געדארפט. גרענט אנטהאלטער מיט זייער גאנצע צאל עווארד סומע איבער פינעף יאר נעמט אריין:

- **קאנטאקט געמיינדע סערוויסעס אינק.**, אנאנדאגא קאונטי; 2.9 מיליאן דאלאר
- **טשיילד צענטער פון ניו יארק**, ניו יארק סיטי; $3.4 מיליאן דאלאר
- **דשאהן ר. אוישי קינדער שפיטאל פון באפעלא**, אירי קאונטי; 2.9 מיליאן דאלאר
- **צוטריט: שטיצע פאר וואוינען אינק.**, אורענדש קאונטי, 2.9 מיליאן דאלאר
- **קאמיונילייף אינק.**, נאסאו קאונטי; 2.9 מיליאן דאלער

**ניו יארק סטעיט אפיס פון גייסטישע געזונטהייט קאמיסיאנער דאקטאר ענן סוליוואן האט געזאגט,** "דורכן פאקוסירן פארמיידונג עפארטן אויף יונגער ניו יארקער עט ריסק, אונז קענען זיי פארבינדען מיט קריטישע און צומאל לעבענס רעטענדע סערוויסעס, זיי וואלטן מעגליך אנדערש נישט באגעגענט דורכאויס א גייסטישע געזונט קריזיס. די פאנדינג וועט העלפן געמיינדע באזירטע סערוויס פראווײַדערס צו איינפאסן אינאווירענדע פראגראמען צו פארבינדען מיט טראדיציאנאלע באזייטיגטע גרופעס און זיי העלפן אדרעסירן זייער גייסטישע געזונטהייט פראבלעמען אין א קולטורישע אויסגעקענטע וועג."

**סטעיט סענאטארטשע סארא דשי. בראוק האט געזאגט,** "זעלבסטמארד ראטעס צווישען שווארצע יוגענט האבן זיך פארמערט שנעלע ווי פאר סיי וועלכע ראסע גרופע און אונז ווייסן אז ניו יארק'ס יוגענט גייסטישע געזונטהייט קריזיס טוט ווירקן אויף היסטאריש אינטערגעדינטע פאפולאציעס ביי העכער ראטעס דורכאויס פילע אויסקום מעסטונגען. איך אפלאודיר גאווערנער האקול'ס ארבעט צו מאכן שטארק-געדארפטע אינוועסטירונגען אין געמיינדע-באזירטע סערוויס פראווײַדערס צו העלפן פארמינערן די זעלבסטמארד ריזיקע צווישען די יוגענט."

**סטעיט סענאטאר לואי סעפולוועדא האט געזאגט,** "איך וויל ספיציעל אפלאודירן גאווערנער האקול פארן אנערקענען די אייגנארטיגע גייסטישע געזונטהייט באדערפענישן פון אינטער ריזיקע יוגענט אין היסטאריש אינטערגעדינטע ראסע און עטנישע גרופעס. געמיינדעס און פאמיליעס פון קאליר וועלכע איך רעפריזענטיר אין מיין בראנקס דיסטריקט זענען ספיציעל אויסגעשטעלט צוליב א קלארער מאנגל פון גייסטישע געזונט רעסארסן און סערוויסעס געצילט צו און ארויסהאבענדיג זייער ספיציעלע קולטורישע, ראסע און עטנישע באדערפענישן. ספיציעל ווען עס קומט צו דואל דיאגנאזירונג פארלאנגענדיג גייסטישע הילף און סובסטענס עביוז סערוויסעס, און אזוי אויך זעלבסטמארד פארמיידונג, זענען דא גרויסע לעכער אין די ליפערונג סיסטעם און אומצאליגע יוגענט און זייער פאמיליעס האבן געליטן צוליב דעם. אלץ איינער וועמענס פאמיליע האט מיטגעמאכט די ליידען פון גייסטישע קראנקהייט און אדיקציע, וויל איך קאמענדירן גאווערנער האקול פארן פארזעצן צו ווייטער לייגן די באדערפענישן פון אזעלכע אין געפאר ביים שפיץ פון איר אגענדע. די 15 מיליאן דאלאר אין גרענטס און די אייגנארטיגע פראגראמען וועלכע וועלן ווערן אנטוויקעלט דורך געמיינדע סערוויס פראווײַדערס אלץ א ריזאלט וועלן גיין א ווייטער וועג אין העלפן אן אמאליגע פארגעסענע פאפולאציע."

**סטעיט סענאטאר ברעד האילמאן האט געזאגט, "**אונז שטיין אויס א יוגענט גייסטישע געזונטהייט קריזיס, ספיציעל אין די LGBTQ געמיינדע. לויט די טרעוואר פראיעקט, איבער 40% פון LGBTQ יוגענט און האלב פון אלע טרענס און נאנביינערי יונגע מענטשן אין ניו יארק סטעיט האבן ערנסט געטראכט פון פראבירן זעלבסטמארד. דעס איז אומאקצעפטירבאר. איך אפלאודיר גאווערנער האקול פארן דעדיקירן 15 מיליאן דאלאר פאר זעלבסטמארד פארמיידונג סערוויסעס פאר עט ריסק יונגע מענטשן איבער אונזער סטעיט, אריינגערעכענט 3.4 מיליאן דאלאר פאר די טשיילד צענטער פון ניו יארק אין ניו יארק סיטי. דורכן פאנדען געמיינדע-באזירטע סערוויסעס פראווײַדער ווי די, אונז קענען פארזיכערן אז יעדער ניו יארקער, ספיציעל די פון אינטערגעדינטע געמיינדעס, האט צוטריט צו הויך קוואליטעט גייסטישע געזונטהייט סערוויסעס."

**סטעיט סאנאטארטשע רעיטשעל מעי האט געזאגט,** "פול מענטשען איין ניו יארק שטיין אויס גייסטישע געזונטהייט שוועריגקייטן, ספיציעל יונגע אינדיווידואלן אין באזייטיגטע געמיינדעס. עס איז גאר וויכטיג אז אונז נעמען פראאקטיוו טריט און טוהן אנבאטן רעסארסען צו העלפן אונזער יוגענט ארבעטען מיט גייסטישע געזונטהייט קריזיס'ן. דורכן דעס טוהן, אונז קענען זיי געבן א בעסערע געלעגנהייט צו לעבן מער פרייליך און מער צופרידנער לעבנס. איך שעץ גאווערנער האקול פארן פריאריטיזירן די פראבלעמען, וויבאלד עס וועט צושטעלן פאר אונזער יוגענט די נויטיגע געצייג צו נאוויגירען דורך שווערע צייטן."

**סטעיט סענאטאר גוסטאווא ריווערא האט געזאגט,** "דורכן פארברייטערן זעלבסטמארד פארמיידונג עפארטן איבער אונזער סטעיט, אונז קענען פארמערן אפציעס פאר פאסיגע באהאנדלונג אזוי אז אוז זאלן קענען ראטעווען לעבענס און העלפן היילן געמיינדעס. ניו יארקער אין נידריג-איינקונפט געגענטער האבן די העכסטע ראטע פון זעלבסטמארד, מיט טינעידש לאטינא ניו יארקער אויסגעשטעלט צו אומגלייכער הויכע ראטעס פון זעלבסטמארד אויסטראכטן און טויט. אין די בראנקס, די ראטעס פון יוגענט זעלבסטמארד זענען גאר באזארגענד. איך בין דאנקבאר אז די טרעפונגען וועלן פאקוסירן אויף אייניגע צוטריט צו גייסטישע געזונטהייט סערוויסעס, אדרעסירענדיג אומגערעכטיגקייטן וועלכע שאפן צוימוגען צו מוטריט צו באהאנדלונג."

**אסעמבלימעמבער איילין גונטער האט געזאגט,** "איינס פון די מערסט אפעקטיווע וועגן צו אדרעסירן זעלבסטמארד אין אונזער סטעיט איז צו פארזיכערן אז די מערסטע אינטער ריזיקע זענען פארבינדען צו און באקוועם מיט פארמיידונג סערוויסעס. די פראגראמען זענען געצילט צו בויען צוטרוי מיט די פאפולאציעס און זיי פארבינדען מיט די קריטישע סערוויסעס דיזיינד צו ראטעווען לעבענס. אלץ א רעגיסטירטע נורס און טשעיר פון די אסעמבלי גייסטישע הילף קאמיטעיטען איך בין שטארק באקאנט מיט די שוועריגקייטן ניו יארקער זענען היינט אויסגעשטעלט צו און איך קאמענדיר גאווערנער האקול פארן פארזעצן צו מאכן גייסטישע געזונטהייט און זעלבסטמארד פארמיידונג א פאוקס פון איר אדמיניסטראציע."

**אסעמבלימעמבער דעני א'דאנעל האט געזאגט,** "אנטי-בוליען און זעלבסטמארד פארמיידונג לעגיסלאציע איז צענטראל צו מיין קאריער, און איך בין פריילעך צו שטיצען גאווערנער האקול'ס איניציאטיוו. ניו יארק איז געווען אויף די אויבן אן פון יוגענט גייסטישע געזונט הילף, אבער היינט אונזער יונגע מענטשן קעמפן א גייסטישע געזונהייט קריזיס. גאווערנער האקול'ס אינוועסטירונג טוט ווידער באשטעטיגען איר פארפליכטונג צו אונזער מערסט אויסגעשטעלטע - LGBTQ+ יוגענט, קינדער פון קאליר און גארפישע געמיינדעס. די פאנדינג וועט פארשטערקערן געמיינדע-באזירטע ארגענעזאציעס צו אינאווירן און איינפירן לעבענס רעטענדע הילף."

**אסעמבלימעמבער עמי פאולין האט געזאגט,** "איך בין גאר פריילעך צו זעהן די סיגניפישע אינוועסטירונג אין זעלבסטמארד פארמיידונג פאר אינטער ריזיקע יוגענט אין ניו יארק סטעיט. די פאנדינג וועט העלפן אדרעסירן די אייגענארטיגע שוועריגקייטן וואס אינטערגעדינטע געמיינדעס זענען אויסגעשטעלט צו. עס טוט אנערקענען אז א איין-מאס-פאסט-פאר-אלע צוגאנג טוט אפט מאל פעלען, און טוט אשטאטס דעם פאקוסירן אויף צוגעפאסטע סטראטעגיעס פאר יונגע מענטשן מיט פארשידענארטיגע הונטערגרינדען. איך דאנק גאווערנאר האקול פאר איר פירערשאפט און פארפליכטונג צו שטיצן די גייסטיע געזונטהייט באדערפענישן פון אלע ניו יארקער."

**אסעמבלימעמבער מישעל סי. סאלאדשעס האט געזאגט,** "טראץ די אנגייענדע עפארטן, די באזארגענדע פארמערונג פון זעלבסטמארד ראטעס טוט אינטערשריכן די געברויך פאר ווייטערדיגע שריט. אלאקירן 15 מיליאן דאלאר צו די קריטישע סערוויס ערלויבט ניו יארק סטעיט צו אדרעסירן די סיגניפישע שוועריגקייטן אונזער מערסט אינטער ריזיקע געמיינדעס זענען אויסגעשטעלט צו. שטודיעס האבן געוויזן אז שווארצע יוגענט צווישען די יארן פון 10 און 19 זענען מער ווארשיינליך צו באגיין זעלבסטמארד ווי זייער ווייסער קאונטערפארטס, און יונגע מענטשען אין די LGBTQ+ געמיינדע זענען פיר מאל מער ווארשיינליך צו נעמען זייער לעבן אין צוגלייך צו זייער פריינט. דורכן נוצן די פאנדס צו פארברייטערן די באנוץ פון איבערקוק געצייג און צו פארשן די ריזיקע פאקטארן אונזער יוגענט זענען אויסגעשטעלט צו, אונז וועלן בעסער פארשטיין וויאזוי צו מער דירעקט אדרעסירן די פראבלעם ווען שניידענדיג די צאל זעלבסטמארדן אין אונזער יוגענט פאפולאציע. נאך מער, דעס איז א געלעגנהייט צו געבן באזייטיגטע יונגע מענטשן צוטריט צו רעסארסן וואס קענען האבן אמאל געווען אינדערויסן פון פון

זייער דעגרייכונג. דעס איז א מעידשער טריט פאר אדרעסירן קולטורישע אויסקענונג אין העלטקעיר איבער די סטעיט, און איך קאמענדער די גאווערנער פארן מאכן די גוטע באשלוס."

**אסעמבלימעמבער פעם האנטער האט געזאגט,** "גאווערנער האקול'ס מעלדונג איבער $15 מיליאן צו פאנדן זעלבסטמארד פארמיידונג סערוויסעס פאר יוגענט עט ריסק איז א וויכטיגע טריט צו באשיצן אונזער מערסט אויסגעשטעלטע פאפיולאציעס. דורכן אדרעסירען די אייגענארטיגע קולטורישע פאקטארן וואס לייגט היספאנישע, שווארץ/אפריקאנער אמעריקאנער, אזיאן אמעריקאנער/פעסיפיק איילענדער, אמעריקאנער אנדיאנער/אלאסקאן נאטיוו און LGBQIA+ יוגענט ביי א געהעכערטע ריזיקע, אונז קענען שאפן א מער פארזיכערטע, מער שטיצענדע ענוויראמענט פאר אלע. די איניציאטיוו טוט ווייזן אונזער פארליכטונג צו פארזיכערן אז יעדער יונגע מענטש, נישט פארבינדען צו זייער הונטערגרינד, האט צוטריט צו די גייסטישע געזונטהייט הילף זיי דארפען. איך הייב ארויס גאווערנער האקול פאר איר פירערשאפט אין פריאריטיזירן די גייסטישע געזונטהייט און וואויל-זיין פון אונזער פארשידענארטיגע געמיינדעס."

**אסעמבלימעמבער קארי ווארנער האט געזאגט,** "די פארמערענדע זעלבסטמארד ראטעס צווישען יוגענט אין דארפישע געמיינדעס איז שטארק באזארגענד. איך בין דאנקבאר צו גאווערנער האקול פארן מוטיגען און שטיצן די אנטוויקלונג פון אינווירענעדע פראגראמען וועלכע אדרעסירן די די אינטערליגענדע אורזאכן פון זעלבסטמארג צווישען אונזער יונגע מענטשן."

**אסעמבלימעמבער דשעסיקא גאנזאלעס-ראדשאס האט געזאגט,** "מער פון סיי ווען, ספיציעל נאך די אנהייב פון קאוויד-19, אונזערע יוגענט זענען אויסגעשטעלט צו ריזיגע גייסטישע געזונהייט שווריגקייטן אן צוטריט צו קולטורישע רעלעוואנט שטיצע און רעסארסן. די היינטיגע מעלדונג איז א גרויסע טריט אין די ריכטיגע ריכטונג און טוט רעפריזענטירען א דורכגעטראכטע אינוועסטירונג אין אונזערע יוגענט, ספיציעל די פון באזייטיגטע געמיינדעס. לויט פארש ארויסגעגעבן דורך די יונייטעד האספיטעל פאנד, אין ניו יארק סטעיט, א געשאצטע 1 פון 4 יונגע מענטשן האבן דורכגעמאכט א אויפפירונג געזונטהייט פראבלען אין 2022. שווארץ און לאטינע הויעך שולע סטודענטן זענען געווען באלד צווי מאל אזוי מעגליך צו פראבירן זעלבסטמארד אין צוגלייך צו ווייסע הויך שולע סטודענטן פון 2019 צו 2021. די אינוועסטירונג וועט אונז העלפן בויען א מער גלייכע, געזונטע ניו יארק."

**אסעמבלימעמבער טשאנטעל דשעקסאן האט געזאגט,** "אלץ א געוועזענע הויך שולע סאושעל ארבעטער, איך האב ערשט האנטיג מיטגעהאלטן די געברויך פאר געציליטע גייסטישע געזונטהייט רעסארסן פאר יונגע מענטשן, ספיציעל יוננגע מענטשן פון קאליר און LGBTQ יוגענט. די פאנדינג וועט העלפן פארמאכן באהאנדלונג לעכער און אנבאטען האפענונג פון אומצאליגע יונגע לעבענס. איך קאמענדיר גאווערנער האקול פאר איר פארפליכטונג צו די גייסטישע געזונטהייט פון אלע פון ניו יארק'ס יוגענט."

**אסעמבלימעמבער אננא קעלעס האט געזאגט,** "איך בין גאר פריילעך אז גאווערנער האקול האט געמאלדן 15 מיליאן דאלאר אין פרישע פאנדינג פאר זעלבסטמארד פארמיידונג און גייסטישע געזונטהייט סערוויסעס פאר אינטער ריזיקע יוגענט איבער אונזער סטעיט. די פאנדס וועלן גיין דירעקט צו געמיינדע-באזירטע סערוויס פראוויידערס צו אנטוויקלן שניידענדיגע פראגראמען צו פארבינדען יוגענט פון היסטארישע אינדטערגעדינטע פאפיולאציעס מיט זעלבסטמארד פארמיידונג סערוויסעס. פיל צו פיל BPIOC, LGBTQIA+, AAPI און דארפישע יוגענט אין ניו יארק זענען אויסגעשטעלט צו אן ערנסטע מאנגל פון גענוג גייסטישע געזונטהייט און זעלבסטמארד פארמיידונג סערוויסעס און רעסעארסן. לויט די אמעריקאנער פסיכאלאגישע פארבאנד, יוגענט פון ראסע און עטנישע מינאריטעט גרופעס, אין די LGBTQ+ געמיינדע און דארפישע געגענטער זענען אויסגעשטעלט צו העכערע זעלבסטמארד ראטעס ווי פיל פון זייער פריינט. די פאנדס וועלן שאפן גלייכקייט אין צוטריט צו זעלבסטמארד פארמיידונג פראגראמען און גייסטישע געזונהייט רעסארסען פאר יונגע מענטשן איבער אונזער סטעיט און

פארזיכערן אז זיי זענען פאקוסירט אויף אונזער מערסט עט ריסק יוגענט. אלץ א מיטגליד פון די אסעמבלי'ס גייסטישע געזונטהייט קאמיטע, איך באגריס די נייעס איבער די פאנדס געמאכט פארהאנען פאר געמיינדע-באזירטע סערוויס פראוויידערס צו איינפירן פראגראממען וועלכע וועלן אן א צווייפל ראטעווען לעבענס."

**אסעמבלימעמבער קרעיס לי האט געזאגט,** "זעלבסטמארד איז די צווייטע-פירענדע אורזאך פאר טויט ביי אזיאנע אמעריקאנער יוגענט אין ניו יארק, אינטערשטרייכענדיג די דרינגענדע געברויך פאר ספעציליזירטע קעיר און אוטריטש. איך דאנק גאווערנער האקול פארן אנערקענען די אייגענארטיגע געברויכן פון אונזער יונגענט אין אונטערגעדינטע געמיינדעס און שטיצן געמיינדע-באזירטע ארגענעזאציעס אין אנטוויקלן געצילטע פראגראממען פאר זיי."

קאנטעקט קעמיינדע סערוויסעס וועט נוצן די פאנדינג פאר איר יוגענט זעלבסטמארד פארמיידונג פראגראם מיט א פאקוס אויף שווארצע/אפריקאנער אמעריקאנער, היספאניש/לאטינעקס און LGBTQ+ יוגענט צווישען די יארן פון 12 און 18 אין אנאנדאגא קאונטי. די פראגראם שטעלט צו קולטורישע ריספאנסיוו און טראומא אינפארמירטע סערוויסעס צו באזייטיגטע און אינטער ריזיקע יוגענט צו פראמאטירן זיכערהייט, פארבינדענקייט און גוטע גייסטישע געזונטהייט צו פארמינערן די ריזיקע פון זעלבסטמארד און אוועקשטעלן יארגאנג-פאסיגע וועגן פאר אינטערווענציע.

די טשיילד צענטער פון ניו יארק וועט אנטוויקלן א פראגראם צו פארמינערן די ריזיקע פון זעלבסטמארדן און בויען א געפיל פון זיכערהייט און פארבינדענקייט פאר הויך-ריזיקע יוגענט און יונגע ערוואקסענער ביז די יארגאנג פון 24 וועלכע וואוינען אין קווינס און ברוקלין. ספעציפיש, די פראגראפ וועט פאקוסירן אויף גרופעס מער ווארשיינליך צו דורכמאכן נאכן-פאנדעמיע שוואכע גייסטישע געזונטהייט אויסקומען, אריינגערעכענט שווארץ/אפריקאנער אמעריקאנער, היספאנישע/לאטינעקס, אזיאנער/פעסיפיק איילענדערס און LGBTQ+ יוגענט.

די דשאהן ר. אוישי קינדער שפיטאל פון באפעלא וועט איינפירן א נייע פראטאקאל וואס וועט פארברייטערן איר פארמיידען עפארטן פאר אלע פאציענטען צווישען די יארגענג פון 11 און 21 וועלכע זענען איבערגעקיקט פאר זעלבסטמארד, נישט נאר די ביי די העכסטע ריזיקע. די פאנדינג וועט אויך ערלויבן אוישי צו פארברייטערן פארמיידען איבערקוקן סערוויסעס, זיי מאכענדיג פארהאנען ביי טעבלינג געשעהנישען וואס נעמט אריין אינטערגעדינטע פאפולאציעס.

צוטריט: שטיצע פאר לעבן אינק. וועט אנטוויקלען יוגענט שטאנדהאפטיגקייט, בילדונג און עדוואקאסי פאר קינדער'ס געזונטהייט פראגראממען- אויך גערופן יוגענט REACH- צו פאקוסירן הויפטזיכטליך אויף זעלבסטמארד פארמיידונג פאר יוגענט און יונגע ערוואקסענע פון היסטאריש באזייטיגטע אדער אינטעררעפריזענטירטע געמיינדעס, מיט א ספיציעל פאקוס אויף LGBTQ+ אינדיווידואלן. דינענדיג סיי דארפישע און שטעטישע געמיינדעס אין דאטשעס, ארענדש, ראקלענד, סוליוואן און אוללסטער קאונטיס, די פראגראם וועט צושטעלן באהאנדלונג-דערנעבן ריזיקע אפשאצונגען און אריינרעכענען זיכערהייט פלאנירונג און פארבינדונג צו קריזיס אינטערוועַנשען סערוויסעס, איבערקוקן, אינדיווידואל און גרופע שטיצע סערוויסעס און פריינט שטיצע סערוויסעס.

קאמיוניליף וועט פארברייטערן איר 'לעבן איז טייער' פראגראם צו צושטעלן קולטורישע און לינגוויסטישע פאסיגע זעלבסטמארד פארמיידונג אקטיוויטעטן פאר אט-ריסק לאטינא טינס צווישען די יארגענג פון 12 און 18 און זייער פאמיליעס אין העמפסטעד און אין נאסאוי קאונטי אויף לאנג איילענד. די פראגראם וועט פאקוסירן אויף טינס איינגעשריבן אין שולע און לעבן מיט דיפרעסיע, זעלבסטמארד געדאנקען אדער אנדערע דיאגניזירטע גייסטישע קראנקהייטן.

גאווערנער האקול האט געמאכט יוגענט גייסטיש געזונטהייט א פאקוס פון איר אדמיניסטראציע. די פיסקל יאר 25 אקטיווירטע בודשעט האט פארגרעסערט מענטל העלט הילף פאר קינדער דורכאויס די סטעיט, אויספירענדיג אן אגענדע וואס זי האט געצייכנט אין איר סטעיט און די סטעיט אדרעס אין יאנואר.

די בודשעט שטעלט צו $20 מיליאן דאלאר אין סטארט-אפ באצאלונג פאר שולע-באזירטע מענטעל העלט קליניקעס און א פארזעצנדע אפליקאציע פראצעס צו פארשנעלערן די שענקונגען, וועלכע פלעגן ווערן פארזיכערט דורך די סטעיט קויפונג פראצעס. אין צוגאב א $2 מיליאן דאלאר איז דעדיקירט געווארן צו פארגרעסערן פריינט-צו-פריינט גייסטישע געזונטהייט באמיונגען צווישן יונגע מענטשן איבער די סטעיט, אריינגערעכנט טרענירונג פראגראמען א שטייגער ווי גייסטישע געזונטהייט ערשטע הילף.

טראץ דעם וואס די זעלבסטמארד ראטע איז געבליבן מער ווייניגער סטאביל זייט 2012, די פעדעראל צענטערס פאר קראנקהייט קאנטראל און פארמיידיגונג'ס יוגנטליכע ריזיקע אויפפירונג אויספרעג האט געפינען באזארגנדע גייסטישע העלט טרענדס צווישן שולע-עלטער יוגנטליכע צווישן 2011 און 2021 - ספעציעל צווישן יוגנטליכע מיידלעך. כמעט א דריטל פון די יוגנטליכע מיידלעך האבן ערנסט אין באטראכט גענומען צו פרובירן זעלבסטמארד אין 2021, אן אויפשטייג פון 19 פראצענט פון די פריערדיגע צען יאר; ארום דריי אין פינף האבן כסדר געשפירט טרויעריג אדער הילפסלאז אין 2021, וועלכע איז צוויי מאל די ראטע פון יוגנטליכע יונגלעך און פארטרעט א כמעט 60 פראצענט אויפשטייג איבער די ראטע רעקארדירט אין 2011.

דער באריכט האט אויך געפינען אז יוגנטליכע פון באזייטיגטע פאפולאציעס זענען מער אויסגעשטעלט צו ליידן פון גייסטישע געזונטהייט פראבלעמען: מער ווי האלב פון די LGBTQ+ סטודענטן האבן זיך אויסגעדריקט אלץ האבן פארנאכלעסטיגע גייסטישע העלט, מיט איין אין פינף באריכטנדיג האבן פרובירט זעלבסטמארד אין די לעצטער יאר. זעלבסטמארד פראוון זענען אויך געווען העכער צווישן טונקל-הויטיגע יונגווארג אין פארגלייך צו ווייסע יונגווארג, לויט די באריכט.

די עווארדס בויען אויף סטעיט עפארטן צו מיטארבעטען מיט אינטער ריזיקע און אינטערגעדינטע פאפיולאציעס מיט פארמיידונג עפארטן און גייסטישע געזונטהייט שטיצע, אריינגערעכנט יוגענט און יונגע ערוואקסענער וואס אידענטיפיצירן זיך אלץ טרענסדשענדער, דשענדער נאן קאנפארמינג און נאן-ביינערי און העלפן די וואס פרעגן אדער מיטשענען זיך מיט דשענדער איידענטיטי. פריער דעם יאר, OMH האט קאנדישענעלי געשאנקען א צאל פון 1 מיליאן דאלאר צו דריי סערוויס פראוויידערס דורך די פארבינדען יוגענט צו גייסטישע הילף שטיצע - TGNCNB איניציאטיוו, וועלכע איז א טייל פון די לארענא בארדשאס טרענסדשענדער און נאנ-בינערי וואויל-זיין און אייניגקייט פאנד און שטעלט צו פאנדינג צו שטיצען טרענס-געפירטע און באדינטע געמיינדע-באזירטע גערוויסעס פאר די אינטערגעדינטע פאפיולאציע.

די זעלבע זענען געווען אלאמירענדע פארמערונגען אין שווארצע יוגענט. זעלבסטמארד ראטעס צווישן שווארצע אינדיווידיאלען אין יארגענג פון 10 צו 19 האבן פארמערט 54 פראצענט זייט 2018, און שנעלע ווי אלע אנדערע ראסע און עטנישע גרופעס, לויט א באריכט ארויסגעגעבן דורך די פיו טשעריטעבל טראסט אין אפריל.

די זעלבסטמארד ראטעס צווישען שווארצע יוגענט, יארגענג 10 צו 17 איז ארויף מיט 144 פראצענט פון 2007 צו 2020, טראץ דעם וואס אלגעמיינע יוגענט זעלבסטמארד האבן געטרענד אויף אראפ. שווארצע יוגענט זענען אויך געווען סיגניפיש ווייניגער לייקלי ווי זייער פריינט אין אנדערע דעמאגראפישע גרופעס צו באקומען גייסטישע געזונטהייט באהאנדלונג, די באריכטמהאט געטראפן.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: ny.gov/signup | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך ארויסשרייבן